# בית יעקב

ליטעראַרישע שריפט פאַר שול און היים

דינט די ענינים פון בית יעקב שולן און ארגאַניזאַציעס בנות אגודת ישראל אין פוילן

רעדאַקטירט דורך א. ג. פרידנזאָן


**אונדזער ודוי.** די קהלה אין ליבלין און דער ועד הישיבה גיט ארויס אין אַ ליטעראַרישער פאָרים דעם דערשיטערנדיקן הספד פון הרב הגאון רמ"ח לויא נ"י, פרעשאווער רב, וואָס ער האָט געהאַלטן אין ליבלין מיטן נאָמען „אונדזער ודוי". אַ קליינער טייל איז גידרוקט גיוועזן אין „טאָגבלאַט". ס'איז אייך אַ שטאַרק פראַפּאַגאַנדע-מאַטעריאַל פאַר דער „כופר נפשי" אַקציע. קאָסט 25 גראָשן לטובת הישיבה. מיט באַשטעלונגען זיך ווענדן צו דער ישיבה „פאַר בראשית". ביים איינצאָלן אין פ. ק. אָ. פון דער ישיבה, באַמערקן „פאַר הערץ".


| ב"ה, לאָדזש-קראָקע-וואַרשע | חשון, תרצ"ד | נומער 109 | עלפטער יאָרגאַנג |
|---|---|---|---|


# דער שטומער צַער / הרב משה חיים לויא

אב"ד ור"מ פרעשאוו

שווער, זייער שווער צו'זאַמען צונעמען די מחשבות אין עפיס אויפ־ צייכינין.

די וואונד איז נאָך אָפן, זי ציפּט נאָך אַזוי אַכזריותדיק און דאָס האַרץ-בלוט טריפט...

גיין, די ווייטיק קאָן מין נישט אויס־ פאָרמין אין ווערטער, די אבידה איז צו פּלוצימדיק גישעען, צו שרעקלעך, פּשוט ווי אַ דונער וואָלט אונדז דער־ שלאָגן.

ווען אלישע זעט אליהון אַרויפשטייגן פּלוצים אין הימל – ויעל אלי' בסערה השמימה – האָט אלישע נישט גיוויינט, נישט דערקלערט אין ווערטער די אבידה, וייל — „ואלישע ראה", ער האָט עס גיזעען מיט די אויגן, וואָס ס'האָט אים און דעם גאַנצן פאָלק פּאַסירט.

ער איז פאַרשטיינערט, פאַרהאַרטיוויט, ער קען נישט אַרויסרעדן זיין ווייטיק, זי פאַרשטעלן, זי אין ווערטער אויס־ גיסן.

אַפילו שרייען קאָן ער נישט, אַזוי פּלוצימדיק איז עס גישעען, אַזוי מורא־ דיק האָט עס אים גיטראָפן.

„והוא מצעק" נישט ער שרייט, נישט „צועק" נאָר „מצעק" ער ווערט דורך אַנדערע, דורך דער וועלט שריי־ ענדיק. די וועלט שטייענדיק אַ ביסל ווייטער פון נעדר, זי שרייט און דער־ קלערט איר אבידה, און ער דער נאָ־ ענטער, דער האַרץ-פריינט ווערט אַריינ־ גיריסן. אויך ער ווערט שרייענדיק, אבער דאָס איז אַ שרייען אָן ווערטער.

די דריקנדיקע יסורים האָבן נאָך קיין ציגנגין... – ווי אַמאָל אלישע אַזוי שרייען מיר אויף מיט די תלמידים — קינדער!

„אבי, אבי, רכב ישראל ופרשיו".

פאָטער, פאָטער ווי האָסטו אונדז פאַרלאָזט! אונדזער דור, וואָס איז באַשאַנקען געווען מיט דער חשובער מתנה די רכב ישראל, דו האָסט אַרומגיריסן אין דער וועלט און טאַפּט אַ גיטרייער פאָטער ביסטו גיוועזן מיט גייסטיקע און מאַטעריעלע שפייז האָסטו מחיה גיוועזן דיינע תלמידים.

די וועלט, וואו ביסטו?

האָסט אַרומגיגלותט אויף גאָר דער וועלט.
און האָסט אָנגיטון אַ קרוין דער תורה
און מיר זענין פאַריתומט גיבליבן;

* *

אויך די גרויסע וועלט קאָן דערוויילן נישט רעדן, אויך איר שמערץ איז שטום ווען דער מאַטיוו איז אַן-אַנדערער ווי ביי מיר, אבער אויך זי, די גרויסע וועלט, איז נישט רעדיוודיק אינים שווערן צער. זי דערלויבט זיך נישט צו רעדן. זי מוז שווייגן, איר גיוויסן איז נישט גאַנץ ריין, עס לאָסטיט עפּיס אויף איר.

דערציילן פון אַן-אבידה קאָן דער, וואָס האָט גאָרנישט קיין חלק אין איר העדר. דאָ קאָן מין זיך פאַרלייכטערן מיטן אַרויסרעדן פונים גרויסן שאָדן, אַז מ'האָט אין אַ גיוויסער מאָס אבער צו־ גיטריבן דערצו, ווען אויך בשוגג, איז מין נאָר נאָך מער גיקרענקט, פאַר־ ווייטיקט. אבער נאָר אינערלעך, רעדן דערפון קאָן מין נישט, טרויט מין זיך נישט.

ווי דער נביא ירמי' קלאָגט אויף אַזאַ מין מצב אין איכה:

„נפלה עטרת ראשנו, אוי נא לנו כי חטאנו". די קרוין פון קאָפּ איז אונדז אַראָפּגיפאַלן. דער „אוי" איז אונדזער, מיר פילן זיך שולדיק אין דעם אַנט־ שטאַנינים אוי.

על זה דוה לבנו —

דערפאַר ווייטיקט נאָר דאָס האַרץ, אבער אויסדריקן דעם שמערץ, דערצו פעלט אונדז מוט.



די לעצטע פאָטיגראַפישע אויפנאַמע פון ליבלינער רב זצ"ל.

הודפס מתוך הארכיון היהודי

האט נישט דערפילט זיין מאראלישן חוב צו רעאליזירן און דורכפירן זיינע גראנדיעזע פלענער, וואס האבין גיגאלטן צו דערהייבן דעם כבוד פון תורתנו הקדושה, און פארשטארקן די הייליקע אמונה.

און שטום איז יעצט אונדזער ווייטיק, ער וויל זיך דערלייכטערן, אויסרעדן, אויסוויינין אים. ס׳זאל זיין „מבליגותי עלי יגון״, כ׳זאל מיך שטארקן אויף מיין ווייטיק, אבער כ׳קאן עס נישט.

„עלי לבי דוי״.

אויף מיר, אויף מיין שטומין צער וויינט אין דער שטיל מיין פארוויי-טיקט הארץ.

גיזעגינין? אפשיד נעמין?

ווי אזוי? ווי אזוי גיזעגנט מין זיך מיט א ברודער אויף אייביק?

א ברודער וואס האט אזוי דערפרייט, אזוי מחי׳ גיוועזן א וועלט.

א מנהיג פון אזויפיל יידן.

א ליכט אין גלות.

דער אור המאיר.

ווי קאן מין עס פאסן, ווי דערטראגט מין דעם צער.

וועלן מיר דיך שוין קיינמאל נישט זעען?

קיינמאל נישט?

ווי די אויערן: דעם לובלינער רב וועלן מיר שוין נישט זעען, קיינמאל נישט?

א, דו גרויסער פירער, ווי פארוואונדיט האסטו אונדזער הארץ.

דו ביסט דיר אוועקגיגאנגין אין דער היכער וועלט. און אונדז אזא שטומין ווייטיק איבערגילאזט.

מיט וואס קאנין מיר דיך באגלייטן, ברודער טייערער מרן י ה ו ד א מאיר שפירא זצ״ל?

וואס מיטגעבן דיר אויף דעם וויטן וועג? מיר, דיינע ברידער יששכר און זבולן שטייען גיבוקט און גיבראכן פאר דיין פרישן קבר.

י ש ש כ ר ס זענין מאטעריעליש ארים, מיר האבן נישט מער ווי א ביסל טרערן.

דאס זענין די נסכים מיט וועלכע מיר באגיסן דעם גרויסן קרבן עולה, וואס דו האסט גיברענגט פאר אונדזער הייליקער תורה.

און דיין ברודער ז ב ו ל ו ן, ער וועט א מנחה, אלס כופר נפש געבן. וסמך י ד ו על ראש העולה.

מיט כוח און קראפט וועט ער דערהאלטן דאס הייליקע בנין, וואס דו האסט מיט דיין יונג פארגייסטיקט בלוט אנגיטרונקין.

אלע, אלע, יונג און אלט, וועלן זיך שטעלן צו דער עבודת הקודש דורכ-צופירן די כופר נפש אקציע מיטן גרעסטן דערפאלג.

די בנות ישראל, וועלכע זענין דערוועקט גיווארן פארן שטרעבן פון כבוד התורה, אויך זיי וועלן זייער האנט צולייגן צו שטיצן און דערהאלטן דאס הייליקע בנין, עס זאל ווייטער דערהערט ווערן אין איר דאס לעבידיקע קול תורה.

אזוי ווי אונדזערע חכמים ז״ל האבן גיפסקנט אז „נשים סומכות״ (גמרא חגיגה פ״א).

ארכיון אסופות

אז אויך די פרויען זאל מין מכבד זיין מיט דער מצווה פון סמיכה כדי „לעשות נחת רוח לנשים״, בכדי צוצוטיילן אויך די פרויען א נחת רוח. אזוי וועט די רעליגיעזע פרויען-יוגנט צוטיילן א נחת רוח דער הייליקער נשמה פון גרויסן נפטר זצ״ל און צוהעלפן די כופר-נפש אקציע זאל וואס שטארקער פארשפרייט ווערן און מקיים זיין „וסמך ידו על ראש העולה״, וועט זיין פאר אלע יידן „ונרצה לו״ און דער „כפר לעמך ישראל״, וועט דערהערט ווערן.

מיט הארץ-בלוט אויפגיצייכנט אין לאדזש יום ב׳ חיי שרה צ״ד.

# אונדזער נשמה יתירה / הלל זיידמאן

**וואס** מיר האבן פארלוירן, ווער קען עס אפשאצן? בלויז עפיס דערפון, אפשר וועט עס זיך לאזן אנצייכינין.

דא אין לאדזש, אין דער שטאט פון מאשינען-גירויש קען מין גוט דאס דאזיקע גיפיל: ס׳זשומין און רעשין מעכטיקע 100 פערד-קראפט מאטארן. באוועגן זיך רעדער, שרייפלעך, לעדער-פאסן. דרייען זיך טריבן, טראנס-מיסיעס, וואלצן. האסטיקייט גישווינדקייט, טעמפא גירויש, גירודער און גיקלאפעריי, צוברויזטע און צוכוואליעטע באוועגונג. און פלוצים... סטאפ שטיל. אלץ ווערט איינגיהאלטן, אלץ ווערט פארשטומט, פארשטארט.

איך גידענק גיט דאס דאזיקע גיפיל. נאך א קינד גיוועזן, גישלאפן אין א הויז נעבן אונדזער מיל. דער ריטמישער טיק-טאק האט מיך איינגישלעפט. פלוצים, שטיל... כאפט מין זיך אויף אין שרעק: וואס איז גישעען?!

ער, דער לובלינער רב רבי מאיר שפירא זצ״ל, איז גיוועזן בלויז לעבן, בלויז דינאמיק, בלויז באוועגונג. (אין די פאטאגראפיעס קומט ער נישט גוט ארויס, ווייל נישט מעגלעך אים אפצובילדן אומבאוועגלעך. דאס בילד דא איז שוין דאס בעסטע). און מיט זיין אומגיהויערן שוואונג מיטגיריסן אנדערע. גיזעצט אין באטריב טויזנטער, באלעבט און באוועגט מאסן.

א לעבידיקע ראטנבערג-סטאציע, האט גישטראמט אבער גיניאל ווען ברויזנ-דיקע מיט כוח-אנגישפאנטע כוואליעס ערגיץ כ׳הייס פון ווי ווייטע מרחקים... און זיינע אור-עלטערן די קדושים פון שפייר, שפירא ביים ריין; פון די מערטירער, וועלכע האבן בעת די קרייץ-צוגן אין יאר תתנ״ו די ערשטע זיך מוסר נפש גיוועזן פארן יידישן דת. ערגיץ פון דער פייערדיקער אהבת-ישראל פונים זיידן רבי פ נ ח ס ק א ר י צ ע ר. ערגיץ פון די פארבארגנ-סטע ווינקעלעך פון גרויסע נשמות פון צדיקים און גאונים, האבן זיך גיטראגן איבער רער לעבידיקער און מעכטיקער טורבינע ר ב י מ א י ר ש פ י ר א. די מעכטיקע כוואליעס פון אהבת-התורה און אהבת-ישראל, פון מסירת נפש און קידוש-השם.

און נישט גיגאנגין חלילה לאיבוד איז די דאזיקע קראפט. מיט אומצאליקע אנזעבארע פעדים פארבונדין גיוועזן מיט כל תפוצות ישראל פארקניפט אין פיל גיביטן פונים יידישן לאבן. פאראנקערט אין הונדערטער יידישע קיבוצים, אין צענער טויזנטער יידישע נשמות.

אומיטום אריינגישטראלט ליכט. אומיטום אריינגיבלאזן לעבן. מיט אומגיהויערע דינאמישע ענערגיע מיטגיריסן טויזנטער מענטשן. אויפגישטורימט מאסן. גיווימלט מיט גיגאנטישער אור-קראפט. אין גאנצן שוואונג און באוועגונג. מיט לעבידיקן שאפנדיקן גייסט גירוישט און גיברויזט און פלוצים... האלט! מיט איין מאל — שטיל, שטום, טויט...

ווי שרעקלעך! ווי שוידערלעך!

דאס לעבן אליין — און טויט פארשטארט!...

וואו איז די סיבה פון דער אויסערגיוויינטלעכער צוגיבינדקייט צו אים? פארוואס האבן מיר אין אים אזוי גיקלעבט? פארוואס איז דער שמערץ נאך אים אזוי גרויס?

מענטשן-מעכאניזמין, מענטשן אן גייסט און רגש, לעבן מיט בלויז וואכי-דיקייט, מיט בלויז אלטעגלעכקייט און גראקייט. מענטשן מיט הארץ און גי-פיל מוזן האבן שבתדיקייט, יום טובדיקייט. פונקט ווי לופט צום אטימין. דער שבת איז דאך מחיה די ששת ימי המעשה — נשמה אליין איז ווייניק, מיר מוזן אויך האבן נשמה יתירה, ווארן נשמה יתירה איז כלל נישט איבריק. נאר פארקערט אזוי בייטיק ווי נשמה. גישט א האר וויניקער.

דער לובלינער רב איז גיוועזן נישט בלויז ששת ימי המעשה. פון אים האט ארויסגישטראלט מיט שבתדיקייט און יום-טובדיקייט. איז ער וואו גיקומין איז גיוועזן א יומא-דפגרא, א יום-טוב אין דער וואכן, ער איז גיוועזן דער שבת פון אונדזער פארחושכטער און פאראומערטער וואכידיקייט גייסטיקע אפפרישונג האבן מיר אין אים, ביי אים גיפונין, ער איז גיוועזן די פראכט און גלאנץ פון דעם ארגאניזירטן רעליגיעזן כלל. זיין שטאלץ און צירונג.

דער ש ב ת פון אונדזערע שווערע גראע ששת ימי המעשה, די נשמה יתירה פון אגודת ישראל.

---

ווי איז אונדז, וואס מיר האבן פארלוירן.

לאדזש, ט״ז חשון, תרצ״ד



הודפס מתוך הארכיון היהודי

אויס ליבע צום קומענדיקן דור. אפילו אויך אין דער אזוי־גירופענער חושים־ליבע קומט ביי דעם מענטשן, וועלכער באגרייפט דעם אמתדיקן מיין פון לעבן די ליבע צום אויסדרוק, וועלכע פארבינדט דעם מענטשן מיט דעם באשעפער.

קארגשאפט איז מיאוס, אבער דאס שטרעבן צו א נישט גרויס פארמעגן קאן מען אפילו לויבן; דאס יאגן זיך נאך כבוד איז א שלעכטע מידה, דאס שטרעבן צו זיין בכבודיק פארדינט א שבח. אויף אזא אופן האבן מיר פאר זיך די אויפגאבע, די ערשטישע נייגונגען גייסטיק צו באהערשן און דווקא נישט אין זינען פון נאטור־פארניכטונג, נאר אין זינען פון גייסטיקער ממשלה איבער די סעקסועלע תאווה. די תורה הקדושה שרעקט זיך נישט אפ פאר דעם קאמף אפילו מיט דער מוראדיקסטער נייגונג אין מענטשן, זי נעמט אן דעם דאזיקן קאמף אין דעם באוואוסטזיין פון א זיכערן נצחון.

כאטש פרישות איז א פאדער־שטאפל צו הייליקייט (עבודה זרה כ׳ ב׳), פון דעסט וועגן דארף מען עס נישט פארשטיין אזוי, אז מע מוז זיך אינגאנצן צוריקציען פון דער וועלט.

ר׳ שמעון בן יוחאי מיט זיין זון זענען גיוועזן גיצוואונגען צוועלף יאר זיך צו באהאלטן אין א הייל. נפקי חזו אינשי דקא כרבי וזרעי אמר מניחין חיי עולם ועוסקים בחיי שעה כל מקום שנותנים עיניהם מיד נשרף יצתה בת קול ואמרה להם להחריב עולמי יצאתם (שבת, ל״ג). „לסוף, אז זיי האבן פארלאזן די הייל און האבן זיך באוויזן אויף דער אויבערוועלט, האבן זיי אנגיטראפן פעלד־ארביטער, וועלכע זענען גיוועזן עוסק מיט אקערן און זייען, דעמלט האבן זיי אויסגירופן: ווי נאריש די דאזיקע מענטשן זענען, זיי לאזן אוועק דאס אייביקע לעבן און גיבן זיך אפ מיט וועלטלעכע באדערפינישן! איז ארויס א בת קול און האט אזוי גיזאגט: זייט איר צוליב דעם ארויסגיקומען פון דער הייל, כדי די וועלט־ארדינונג חרוב צו מאכן?!"

פארשטייט זיך, אז ווער עס לעבט איינזאמער, קאן גרינגער און אומגישטער־טער דערגרייכן זיין אינדיווידואלן — און נשמה־תכלית, אבער דעם רעלאטיוו העכסטן שטאפל פון הייליקייט באשטייגט דער מענטש ערשט דעמלט, ווען ער ווייזט ארויס זיין דערגרייכטע פארפולקומונג אין זיין מסירת הנפש פאר דעם כלל. מיר האבן אויף זיך די הייליקע התחייבות די מענטשן ארויסצונעמען פון א פארנונפט, — קולטור־און שפראך־בלויזן מצב און לאזן זיי זיך אנטוויקלין צו א פארנונפט, — קולטור־און שפראך־וועזן, די מענטשהייט צו דערהאלטן, צו באמיען זיך זי אויסצואיידלין און זיי גאט אנטקעגן צו פירן.

ווילן מיר אין קאמף פאר אונדזער גייסטיקער אליין־באהויפטונג סוף כל סוף מנצח זיין, דעמלט מוז זיך די וועלט פאר אונדז צונויפשליסן צו א גישלאסי־נער וועלט־אנשויונג און די וועלט פון אונדזער אינערלעכן לעבן מוז זיך דורכקעמפן צו אן־אויסגלייכונג פון א הארמאנישער לעבנס־אנשויאונג. אונדזער הייליקער חוב איז אין פראקטישן זינען דערזעלביקער, פאר וועלכן אברהם אבינו האט דערצויגן זיין נאכקומינשאפט.

ושמרו דרך ד׳ לעשות צדקה ומשפט — דער זיטן־ריינער לעבנס־שטייגער פאר גאט און די גיטרייע דערפילונג פון חוב און רעכט. דער ביאלאג האט צו טון מיט גרויסן וואס פארענדערן זיך, דער פיזיקער בלויז מיט דערשיינונגען, ביי וועלכע דער כסדרדיקער המשך שטעלט פאר א באשטענדיקע גרויס. וואו גיפינט זיך דא דער אמת?! עס בלייבט שטענדיק איבער א נישט אויפגילייזטער רעשט־טייל, וועלכער האט דעם פנים פון אלץ און שיינט אפצולאכן פון אלע פארמולעס איבער מאס און צאל.

אונדזער וועלט־אנשויונג אבער איז גישלאסן און פארשאפט אונדז די העכסטע באפרידיקונג: אויף דעם סמך פון די פרינציפן פון דער הייליקער תורה, דארפן מיר זיך דערציען צו א הארמאנישער אנטוויקלונג פון אלע פיזישע און פסיכישע כחות, כדי דערגרייכן צו ניצלעכקייט פאר דער וועלט און צום איי־ביקן גליק. אין פולסטער מאס נאטירלעך קאן מען עס אויספירן נאר אין אונדזער אייגן לאנד, אין ארץ ישראל. — גאטס כוונה איז לכתחלה גיוועזן, די מענטשן ביסלעכווייז אנצוציען צום גוטן און צום שיינקייט. אשר ברא א׳ לעשות. וואס גאט האט באשאפן, דאס זאל דער מענטש ווייטער אנטוויקלען דורך זיין ארבייט.

נעבן די צילן, וועלכע מיר זענען ביכולת צו דערקענין, זענען גיוויס אויך פאראן ווייטע צילן, צו וועלכע גאט וויל אונדז דערציען. די דאזיקע ווייטע צילן זעט נאר דער, אויף וועמען עס רוט גאטס חסד, און דאס בלויז טיילווייז און נישט גאנץ קלאר. אז אונדזער עקזיסטענץ קאן מיט דעם דאזיקן שפאן צייט, וואס מיר לעבן אויף דער ערד, נישט נעמען קיין סוף, מוז יעדערער מודה זיין, ווער עס קוקט נאר מיט אפינע אויגן אויף דער וועלט. די גאנצע צייטלעכקייט איז בלויז אן־אריינפיר צו דער אייביקייט, און אלץ, וואס דא קומט פאר, טראגט אלעמאל דעם כאראקטער און דעם שטעמפל פון א פאדער מדרגה. דאס איז די וועלט פון מעשים, נישט די וועלט פון אפרעכענונג. מי שטרח בערב שבת יאכל בשבת, מי שלא טרח בע״ש מהיכן יאכל בשבת (עבודה זרה ג׳) „ווער עס האט גיהארעוועט ערב שבת, וועט האבן צו עסן שבת; ווער עס האט זיך ערב שבת נישט מטריח גיוועזן, פון וואנען זאל ער האבן צו עסן שבת?!" רבי יעקב האט גילערנט: די דאזיקע גאנצע וועלט דארף בלויז האבן די באדייטונג פון א פאדער־צימער. התקן עצמך בפרוזדור כדי שתכנס לטרקלין. גרייט זיך צו אין פאדער־זאל, כדי דו זאלסט קאנין ארייננגילאזט ווערן אין פאלאץ".

מיט קלארקייט דערקענין מיר אלס ציל, אז מיר מוזן אלע אונדזערע התחייבות דערפילן, סיי די וועלכע מיר האבן קעגן גאט, סיי די קעגן אונדזערע מיט־מענטשן און סיי קעגן זיך אליין. ווען מיר שטארקן אונדזער ווילן, ווען מיר פארגרעסערן אונדזער טעטיקייט, ווען מיר אנטוויקלען אונדזערע פעאיקייטן, טוען מיר דאס בלויז, כדי וואס בעסער צו דערפילן אונדזערע, אויבן־דער־מאנטע התחייבותן. דער געטלעכער ווילן ווייזט אונדז גלייכצייטיק אן, אויף וועלכן אופן מיר קאנין דאס צום בעסטן אויספירן. באזיצנדיק די מעלה פון א גאט־גישאפינים וועזן, קאן קיין העכערע אויפגאבע, ווי די דערפילונג פונים געטלעכן ווילן, גארנישט גימאלט זיין.

---

# מיר פארטריבינע

מיר וואלגערן זיך אין ארימקייט פון גלות צו גלות,
און טראגן טאפלט אונדזער שפלות אונדזער יאך און צער;
און ווי שווארצע שאטנס באגלייטן אונדז אויף אלע וועגן,
דער פחד און די נויט, די אימה און גיפאר...

אונדזער לעבן איז ווי אפגיהאקט און אפגישניטן,
און אנגיפולט מיט ביטערקייט, זענין אונדזערע לאגלין;
מיט טרערן און מיט בלוט, שלינגען מיר אראפ יעדן
ביסן ברויט,
און שלעפן מידע אונדזערע טעג און צובראכינע מיר
וואגלין...

אליעזר שינדלער

# לאנדשאפט

ווי הייליק שטיל איז איצט אויף פעלדער
ווי הייליק שטיל איז איצט די וועלט!
און ווי אין פאטער יעקבס חלום
איז א לייטער אויפגישטעלט.

פון הימל ביז צו דער ערד א לייטער
מלאכים גייען הין און צוריק;
עס בלאנדזשען מיינע פיס אויף ערד דא
און אין הארצן — הימליש גליק...

ישראל עמיאט

# גיקליבינע פּערל

## תורה־ווערטער, אפאריזמען פון יידישע גריסע מענטשן

גיזאמלט פון **א. שנור.**

(נאכדרוק פארבאטן)

### בראשית

א'

**די תורה ענדיקט זיך מיט למד, הייבט זיך אן מיט בית—לב. הארץ, גיפיל איז דער פאדים וואס ציט זיך דורך די תורה.**

(ספרים הקדושים)

ב'

**די סוף־אותיות פון בראשית ברא אלקים און פון ברא אלקים לעשות זענען — אמת, ווייל דער תחילה און סוף פון בריאה איז נאר צוליב אמת.**

**און אמת קאן זיין נאר ביי דעם וואס קוקט נישט אויף אמביציע. ר״איז אנ־עניו, ר״האלט זיך פאר א סוף פון א ווארט.**

(בעש״ט)

ג'

**אמת מארץ תצמח.**

**צו, היתכן, מע זעט אזא חשובע זאך אויף דער ערד און מע הייבט נישט אויף? נאר דער תירוץ איז: ס״וויל קיינער זיך נישט איינבייגן.**

(ד. ז.)

ד'

**די תורה הייבט זיך אן מיט בית, ווייל ס״ערשטע איז דאס בית, דאס הויז אין וועלכן ס״וואוינט דער דערצויגינער.**

(דער ייד הקדוש)

ה'

**בראשית ברא אלקים**

**ס״ע שטע פון א ייד איז צו גלייבן. אז דער באשעפער האט באשאפן די וועלט.**

(רבי ר' משה לייב).

ו'

**ויאמר אלקים, יהי אור.**

**דעמלט ווען דער מידת הדין (אלקים— איז די באצייכנונג פון דין) האט דאס ווארט, די ממשלה. מוז דערנאך ליכטיק ווערן.**

(חרוזי פנינים)

ז'

**ויאמר אלקים יהי אור.**

**דער מידת הדין אליין בעט: זאל שוין ליכטיק ווערן!**

(דארטן)

ח'

**ויהי אור.**

**ויהי—לשון צער.**

**אויב מע ליידט צוליב אנ־אידעע, א ציל. אזא צער קומט פון א סך מענטשי־לעכקייט. איז דער צער אליין, דאס באוואוסטזיין, אז מע ליידט צוליבן אמת שוין א סאטיספאקציע, א ליכטיקע טרייסט פאר די ליידן.**

(דארטן)

ט'

**דער צער פאר אמת איז שוין דער אמת.**

(רבי נחמן בראצלאווער)

י'

**נעשה אדם.**

**אדם איז דער סימבאל פון אחדות, ס״עקזיסטירט נישט דערביי קיין לשון רבים ווי ביי איש, גבר.**

(עוללות אפרים)

י״א

**ביי אדם האט השי״ת זיך גיפרעגט ביי די מלאכים, דאגעגן זוה׳ן האט ער אליין, מיטן אייגינים רצון באשאפן, דערפאר מאכן די פרויען א ברכה שעשני כרצונו.**

(ישועות יעקב)

י״ב

**שבת באטרעפט די צאל פון אהבה בכל לב, אהבה בכל נפש, אהבה בכל מאד.**

(רבי ר' הירש מזידיטשוב)

י״ג *

**מעין עולם הבא.**

**שבת, איז דער קוואל פון וועלכן מע שעפט עולם חבא.**

(רבי ר' ברוכל)

י״ד

**נפש חי' הוא שמו.**

**דאס נפשיות און חיות פון מדבר ליגט אינים נאמין.**

(רבי נחמן מהורדענקע)

ט״ו

**תרדימה על האדם.**

**דערפאר איז די פרוי באשאפן גיווארן אין שלאף, ווייל א ברכה איז נישט חל נאר אויף אזא זאך וואס איז פארהוילן פון אויג.**

(עוללות אפרים)

ט״ז

**ויבן ד' אלקים את הצלע.**

**ג — ט האט באשאנקן מיט בינה די פרוי, מער ווי דעם מאן.**

(תלמוד)

**באמערקונג פונים זאמלער:**

**בינה איז די דעפיניציע פון מבין דבר מתוך דבר. ד. ה. די עמפינדליך־אינ־טיאוטיווע רעטושירונג פונים דערהערטן אדער גילייענטן. און דאס איז שוין אנ־אקסיאם און א פולשטענדיק אנער־קענטער פאקט, אז פרויען האבן אנ־ענטוויקלטער אינטואיציע, מער ווי ביי מענער).**

י״ז

**על כן, יעזוב איש את אביו ואת אמו ודבק באשתו.**

**על כן—אפט מאל, אויב מע וויל העכער שטעלן דעם אמת (כן - אמת צדיק פון לשון כנים דבריך), יעזב איש את אביו ואת אמו — מוז מין אוועק קוקן פונים יחוס, פון טאטע מאמע ודבק באשתו — דער עיקר פאראינטעריסירונג דארף זיין אין די פרוי ב—אשתו (בתוך אשתו) אינים תוכנדיקייט, יידישן תוכן פון די פרוי.**

(חרוזי פנינים)

י״ח

**אדם—שטאמט פון ווארט אדמה לעליון —גלייכן זיך צום באשעפער.**

(בעש״ט)

**חוה - פון לשון יחוה דעת—אנ־איבער־געבערן פון דעת.**

הארכיון היהודי

(דער סטריזשויבער רב זצ״ל)

י״ט

**כי היא היתה אם כל חי.**

**זי איז די מוטער צו שאפן לעבן, פרייד און נישט מצער צו זיין.**

(תלמוד)

כ'

**ויהי מקץ ימים ויבא קין.**

**ערשט ווען ס״איז שוין גיוועזן כלו כל הקיצין, האט ער זיך דערמאנט צו ברענגיין א מתנה פארן באשעפער. דא־געגן הבל האט גיברענגט מבכורות צאנו, פון זיינע ערשטע, יונגע און רייפע יארן.**

(קדמונים)

כ״א

**והבל הביא גם הוא.**

**הבל האט זיך אליין אויכיט גיברענגט פאר א קרבן.**

(רבי ר' מאירל פרעמישלאנער)

כ״ב

**הלא אם תטיב שאת, ואם לא תטיב ואליך תשוקתו, ואתה תמשל בו.**

**אם תטיב—באשעפער! אויב יידן טון גוטס, שאת—מוזטו דאך מוחל זיין. נאר אפילו חלילה, אם לא תטיב—אויב יידן טון נישט קיין גוטס, מוזטו אויכיט מוחל זיין דערפאר, ווייל—לפתח חטאת רובץ—דער יצר הרע לאזט נישט. אבער אין דער אמתן — ואליך תשוקתו—זיין גאנצע תשוקה איז נאר צו דיר בא־שעפער, ס״זאל זיין—ואתה תמשל בו— אז דו זאלסט האבן די ממשלה איבער אים.**

(ד. ז.)

כ״ג

**זה ספר—תולדות אדם.**

**דער עיקר ציל פון מענטשנס גיבוירן איז צוליב דעם ספר.**

(ר' אפרים מסדילקאוו)

כ״ד

**ויתהלך חנוך את האלקים—ואיננו.**

**חנוך האט זיין יעדן גאנג, דערהויבן צו ג—טליכקייט, און זיין עגא האט ער גימאכט פאר אין א גארנישט.**

(מעין החכמה)

כ״ה

**ונח מצא חן—בעיני ד'.**

**נח האט גינומין דעם גשמיותדיקן חן און שיינקייט און עס דערהויבן צום שורש, צו ג—טליכקייט.**

(קדושה לוי)

### נח

א'

**אלה תולדות נח את שם, את חם ואת יפת.**

**די תולדה, די אור־סיבה פון א גייסטיקע מנוחה אנ־אינערלעכע צופרידנקייט איז דאן ווען מע פארמאגט את שם — דעת פון באשעפער. את חם (פון לשון חמימות) רחמים און ווארימקייט ואת יפת און מע גיט די ביידע דעת און רחמים א פארים, אזא סינטעטישע פא־זיטיווירונג אין תפארת—מעשים.**

(חרוזי פנינים)

ב'

**נח איש צדיק.**

**נח איז גיוועזן א צדיק מיט מענטשלעכ־קייט.**

(ר' חיים מדאברין)

ג'

**קינים, תעשה את התיבה.**

**ווי א נעסט (פון לשון קן צפור) זאלסטו מאכן דיין ווארט, זאלסט וואוינין אין אים מיט דיין אינערלעכקייט, הארץ און נשמה.**

(קדושת לוי)

ג'

**בא אתה וכל ביתך אל התיבה.**

**גיי ארײַן אין ווארט ארײַן, מיט אלע איברים.**

(בעש״ט)

ד'

**וירבו המים, וישאו את התיבה, ותרם מעל הארץ.**

**דורך אנ־איבערוועגנדע מערהייט פון מים (אין מים אלא תורה), קאן מין דערהייבן דאס פשוטע ווארט, גאר הויך איבער זיין ערדישקייט.**

(אור המאיר)

ה'

**שפה אחת באטרעפט לשון־הקודש.**

(בעל הטורים)

### לך

**לך לך מארצך וממולדתך אל הארץ אשר אראך.**

**גיי אוועק פון דיין איינגיבוירן ערדיש־קייט, צו דעם לאנד, צו וועלכן כ״וועל דיר ווייזן.**

(בעש״ט)

ארכיון אסופות



הודפס מתוך הארכיון היהודי

אמרו נא — אחותי את.
זאָג אַ תפילה, (נָא — אַ לשון תפלה) בעט פאַר'ן ברודער, ווען דו ביסט צו אים ווי אַ שוועסטער.
(חרוזי פנינים)

ג'

וחיתה נפשי בגללך.
מיין נשמה באַקומט אַ חיות ווען דו גייסט אַרום מיט פרייד — בגללך גיי מיט פרייד.
(דארטן)

ד'

רעים וחטאים לד' מאד.
ס'ווערט דאָ דערמאָנט דער שם הוי', דער סימבאָל פון רחמים.
זייער שלעכטקייט און זינדיקייט איז באַשטאַנען מערסטנטייל אין די באַציאונג צווישן מענטש און מענטש און דערפאַר איז עס גיוועזן — מאד זייער און זייער שלעכט.
(ילקוט פנינים)

ה'

ויָרק את חניכיו.
ר'האט באַוואָפנט, באַפעסטיקט זיין טעטיקייט אויף די צווייערליי חינוך־געביטן חינוך הבנים און חינוך הבנות.
(חרוזי פנינים)

## וירא

א'

וירא וירץ לקראתם.
אַ ראי' אַז הכנסת אורחים איז גרעסער ווי קבלת פני השכינה. (חז"ל)
ווען ר'האט גיזעהן דעם באַשעפער — והוא יושב פתח האוהל — איז אברהם ווייטער גיזעסן. ווען ער האט אבער דערזעהן אורחים, האט ער אויפגיצאַפּלט און אַ קיינגן גילאָפן. דערפאַר, ווייל דאָס לעצטע איז גרעסער פון קבלת פני השכינה.
(רבי ר' בונם)

ב'

ויאמר בי אדוני.
כאַראַקטעריסטיש די מיינונגס־פאַרשידנקייטן וועגן דעם אויסדריק, צו ס'איז קודש אדער חול.
באַמערקט דער של"ה הקדוש, אַז דער קמץ וואָס איז אונטער דעם שם א־ני איז מיט אַ כוונה, דער קמץ באַשטייט פון אַ חיריק און פַּתח, אַזוי, אַז ס'קאָן הייסן א־נַי אונדזער האר און א־נִי — מיין האר און דינין סיי פאַרן פרט, סיי פאַרן כלל.

ג'

יקח נא מעט מים, ורחצו רגליכם.
נעמט אַ ביסעלע תורה און שווענקט דערמיט, ריייניקט אייער רגילות.
(ר' מענדעלע מליסקאָ)

ד'

וסעדו לבכם - אחר תעבורו.
איר לעגט איך אָן, שטיצט אייך אויפן האַרץ און גיפיל, דאָס אַנדערע פרעמדע — זאָלט איר אָוועקוואַרפן.
(חרוזי פנינים)

ה'

והוא עומד עליהם.
אַ מענטש איז אַ הולך, אַ מלאך איז אַן עומד, ד. ה. אַ פיל קלענערע מדרגה. אברהם אבינו האט זיך, ווי דער מנהג איז, צוגיפּאַסט צו זיינע געסט און איז מאָמענטאַל גיוועזן אַן עומד.
(דגל מחנה אפרים)

ו'

והאמין בד' ויחשבה לו צדקה.
אמונה באַקומט ערשט אַ חשיבות ווען ס'האַרמאָנירט מיט צדק יושר.
(חרוזי פנינים)

ז'

צחק עשה לי אלקים, כל השומע יצחק לי.
אויב גילעכטער קאָן קומען פון מידת הדין, איז דאָך דאָ פון וואָס צו לאַכן.
(חידושי הרי"ם)

י"ח

וישכם אברהם בבוקר ויחבוש את חמורו ויקח את שני נעריו עמו.
אברהם האט זיך אין זיין פרייסטע יוגנט שוין דערהויבן. גיצוימט זיין חומריות און טאַקע מיטגינומען זיינע יינגע יאָרן מיט אים, זיך גאַרנישט גישעמט מיט זיי.
(דער ריזשינער זצ"ל)

ט'

אל תשלח ידך.
אויב מע הייסט דיך שעכטן, הער זשע נישט קיינים נאָר דעם באַשעפער. אויב מע זאָגט דיר אבער אל תש"ח ידך, הער זשע צו אפילו אַ מלאך.
(אַ פאלק־ווארט)

י'

פון וואָס איז באַשטאַנען אברהם'ס נסיון יעדער ערליכער ייד איז זיך גרייט מקריב צו זיין פאַרן בורא־עולם? — אַזוי פרעגט די וועלט.
נו, זע זשע באַשעפער, די קדושה פון דיין פאלק, אַז ביי זיי איז עס גאָר פשוט, אפילו נישט קיין נסיון, דערבאַרים זיי!
(דער חתם סופר)

ארכיון אסופות
הארכיון היהודי

פאַרלאַג „בית־יעקב" לאָדזש

שוין אַרויס פון דרוק דאָס דריטע חלק פונים לערן־בוך

# „יידיש לשון"

צינויפגישטעלט און אַרויסגיגעבן דורך

# אליעזר גרשון פרידנזאָן

באַשטימט פאַרן 4 און 5 לערן־יאָר

אינים בוך קומען אַריין פראַגמענטן פון די שאַפונגען פון די אויטאָריטעטסטע ארטאָדאָקסישע שרייבער און פעדאַגאָגן.
ס'גיפינט זיך אויך אינים בוך אַ פולער קורס פון יידישער גראַמאַטיק אין 32 שעורים. דאָס בוך איז אויך רייך אילוסטרירט! 200 זייטן — גידרוקט מיט פעטע שריפט!

**חוץ שולן דאַרף יעדע יידישע משפחה קויפן דאָס בוך פאַר קינדער אַלס די שענצטע מתנה!**

פרייז נאָר 3 גילדן. — שולן באַקומען גרויסע ראַבאַטן!

אין אונדזער פאַרלאַג „בית יעקב" באַקומט מען כל־ערליי שול־ביכער פאַר ארטאָדאָקסישע שולן:

„יידיש לשון" — דריי חלקים „לשון עבר" — צוויי חלקים. „ראשית חכמה". „עברי אנכי". „יידיש לעבן" א. א.

**די גרעסטע ראַבאַטן!**

אַדרעס: Bajs Jakow, Łódź, Kilińskiego 44
P. K. O. 67 795.

# דער קומינדיקער היסטאָריקער...

## די „גיזאַמלטע שריפטן"

פון פרוי שרה שענירער, זענען אַ מקור הברכה און אַ שפּרודלדיקער קוואַל פאַר התחזקות־האמונה. — דאָס לשון איז אמת־יידישלעך, ריין און באַחנט. ריין פון דייטשמעריזמען און סלאַוויזמען און באַחנט מיט דעם האַרציקן מתיקותדיקן שרה־אם־טובים־סיגנון... דעם טראַדיציע־גיטרייען נוסח פון אַ גרויסער יחוסדיקער אשת־חיל.

## „די צען בריוו צו יידישע קינדער"

דאָס איידלסטע און טייערסטע אין דעם דאַזיקן וואונדערלעכן ווערק — דאַרפן מיט גרויס כוונה גילערנט און גילערנט ווערן אין אַלע בית־יעקב־שולן, און אַפילו אין די חדרים צווישן די יונגערע כיתות. וואָרן די „בריוו" זענען נישט דווקא פאַר מיידלעך, נאָר ווי דער נאָמען גופא זאָגט שוין: פאַר קינדער בכלל. די יידישע לערערנס דאַרף זיין בקי אין דעם ספר. (דאָס איז נישט קיין בוך!). די „שריפטן" דאַרפן פאַרנעמען דעם אויוון־אָן ביים גאַנצן בית־יעקב־לימוד. זיי זענען אויך אַ וויכטיקער צושטייער צו דער גישיכטע פון דער „בית־יעקב" און „בנות" באַוועגונג, און דער קומינדיקער היסטאָריקער, וואָס וועט שרייבן די גישיכטע פון דער דאָזיקער רעליגיעזער רענעסאַנס־באַוועגונג, וועט קודם־כל שעפּן פון דעם אוצר, וואָס טראָגט דעם נאָמען: שרה שענירער, גיזאַמלטע שריפטן.

אליעזר שינדלער


הודפס מתוך הארכיון היהודי

Opłata pocztowa uiszczona ryczałtem — פרייז 60 גראשן

BAJS JAKOW | ŁÓDŹ, 31 Październik 1933 roku | zeszyt 109

Adres Redakcji: „BAJS JAKOW" Łódź, Kilińskiego 44 Telefon 109.77 P. K. O 67.795

# גרייט צו אנאקציע צו פארשפרייטן דעם גרויסן שענירער נומער 110

שבדלעך זענען מיר אייך מודיע, אז שוין דער קומענדיקער נומער בית=יעקב זשורנאל 110 וועט זיין דער גרויסער שענירער נומער! א פאר חדשים האבן מיר גיזאמלט דאס מאטעריאל פאר אט דעם נומער, וואס וועט זיין אלס מתנה דער באשאפערין פון בית-יעקב גיזאנק צו איר 50 גיבוירן-טאג.

מיט פרייד שטעלן מיר פעסט, אז כמעט די באדייטנסטע שרייבער אין דער ארטאדאקסישער וועלט האבן גיגעבן צו-שטייער פון זייערע בעסטע שאפונגען אזוי, אז דער שענירער נומער וועט זיין ממש א צירונג אין יעדער ייד. שטוב.

אין שענירער-נומער קומען פאלגענדע אפטיילונגען:

## די יידישע פרוי

א גאנצע ריי מאמרים וואס רעדן ארום די ראל פון דער יידישער פרוי אין דער פערגאנגענהייט, הווה און צוקונפט. אויך קומען אייניקע מאנאגראפיעס פון באריטשע יידישע פרויען-פערזענלעכקייטן אין דער יידישער גישיכטע.

## ליטערארישער טייל

דא וועלן קומען א ריי דערציילונגען און לידער, וואס זענען גישריבן פון גיניטע קינסטלערישע פעדערס. אלע ליטערארישע שאפונגען אין דעם נומער זענען גיווידמעט דער יידישער פרוי און שאכטער.

## ארץ-ישראל

דא וועלן קומען באשרייבונגען פונים לעבן אין יידישן הייליקן לאנד. א חוץ דעם וועלן אויך ארומגישמועסט ווערן די אקטועלע פראבלעמען פוגים אויפבוי פון ארץ-ישראל אינים גייסט פון דער תורה.

## אין בית-יעקב סעמינאר

א ריי שילדערונגען און בילדער פונים לעבן, לערנען און ארבעט אינים צענטער-הויז פון אונדזער באוועגונג.

## שרה שענירער

דא קומען ספעציעלע זכרונות וועגן דער באשאפערין פון בית-יעקב גידאנק. באזונדערס אינטערעסאנט זענען די איינדרוקן און זכרונות פון די לערערנס, וואס שרייבן וועגן זייער גייסטיקער מוטער.

## בנות-בלעטער

א גרעסערער אפטייל, וואס וועט ארומרעדן אלע פראבלעמען פון דער באוועגונג אין אלע פראגן, וואס זענען נוגע דער אנטוויקלונג און פארשטארקונג פוגים גיזעלשאפטלעכן בנות-לעבן.

## זכרונות וועגן לובלינער רב זצ"ל

אייניקע מאמרים וועלן קומען וועגן לובלינער רב זצ"ל. גישריבן דורך מענטשן, וואס האבן גילעבט א לאנגע צייט צוזאמען מיטן לובלינער רב זצ"ל און די דאזיקע זכרונות זענען זייער אינטערעסאנט.

*

## גידענקט תיכף אויפצונעמען

## אבאנעגטן פארן שענירער נומער

דער נומער וועט אויך זיין זייער רייך אילוסטרירט און מיט א שיין שער-בלאט.

## אלע פארערערנס פון פרוי שענירער זענען מחויב צו געבן גראטולאציעס

צום 50 לעבנס-יאר פון פרוי שענירער, וועט זיין אין שענירער-נומער א ספעציעלער אפטייל פון אנאנסן-זייט, זעט אז אייער נאמען זאל נישט ארייספעלן!

## אנאנסן פרייז:

20 ווערטער 2 גילדן. פאר יעדן מערערןווארט צו 10 גר. די אנאנסן נאר אויפשרייבן אויף א טשעק פון פ.ק.א. 76,795.

---

## ברכת מזל טוב

הרינו מביעים בזה את ברכתנו העמוקה לידינו העסקן הנכבד הרבני החסיד מר יודל הערץ נ"י לרגלי ארושי בנו מר ישראל חיים נ"י את העלמה מרת לאה לנדה תחי', נכדת אדמו"ר הרה"ק מסטריקוב (בזגירזה) שליט"א. יהי רצון, שיהא להם למזל ולהצלחה, והוריהם ירוו מהם רב נחת עד בלי די!

ידידיו:

העורך אליעזר גרשון פרידנזון

נטע ירוחם ברלינר.

---

א סך ברכות און פיל גליק ווינטשן מיר אונדזער ליבער און איבערגיגעבינער גיזו. לערערן פריילין גאלדא באגוכוואל (קראקע), צו איר פארלאבונג מיט ה' דוד האכבוים (קשאנאוו) און פריילין מרים אפענהיים (שעראדז), מיט ה' אייזנער (לאדוש). זאל השי"ת געבן אז אייער בונד זאל זיין א קשר של קיימא.

שעראדז.

בנות-אגודת-ישראל

יוגנט-קרייז ביי „בנות"

לערערן קיימאוויטש

---

אונדזער חברה חוה רחלע! מיר ווינטשן דיר א הארציקן מזל-טוב צו זיין פארלאבונג מיט ה' ווייגנארטן (קינצק). זאל אייער צוקונפט זיין א קשר של קיימא.

שוועסטערן קריגער, פערל שילת, שוו. יאסקאוויטש,

זד. וואלע מאכטשע ראזענבלאט.

---

אונדזער אידעען-שוועסטער חוה רחל צו דיין תנאים-שרייבן מיט ה' ווייגנארטן (קינצק), ווינטשן מיר דיר א גליקליך צופרידן לעבן, זאל עשירות און תורה זיין פאראייניקט ארום אייער טיש.

פעסע איגעלבערג, שרה פירשטענבערג, שוו. קנאבלעוויטש, מייטע בענדלאוויטש.

זד. וואלע

---

פיל גליק, בליענדע צוקונפט און אייביקע צופרידנהייט, ווינטש איך מיין ליבע און הארציקע פריינדן ב"י לערערן פרל. שרה בוים, צו איר פארלאבונג מיט ה' שמואל ווייזער (וויערזבניק), זאל השי"ת אייער צוזאמענבונד בענטשן מיט זיין פולער ברכה און אייביקע הארמאניע.

רחל צוקער

פזשיטיק.

אויך איך ווינטש א הערצלעכן מזל-טוב

הדסה ביעזשונסקא

ראדאם.

---

א הערצלעכן מזל-טוב ווינטשן מיר אונדזער פארזיצ. פריידע שטערנפעלד צו איר פארלאבונג מיט ה' שאפרין (קאזשיניץ), דו זאלסט זוכה זיין צו בויען דיין הויז אויף די בערג פון ציון און ירושלים אין גייסט פון אונדזער אידעאל.

בנות-אגודת-ישראל

לערערן ב. עפשטיין

סעקר. ציעשינסקא

אטוואצק.

---

צו דער פארלאבונג פון אונדזער איבערגעגעבענער מיטארביטערן, שטאלצע פיאנערן פון אונזער אידעאל חוה רחל ווייגנאט מיט ה' ווייגנארטן (קינצק) ווינטשן מיר א ברכה-פולן מזל-טוב, מתוך הרחבה זייט זוכה צו בויען אייער הויז אויף די בערג פון ירושלים.

לערערן געלבלום, פרויען-קאמיטעט, בנות-אגודת ישראל, בתיה-פארבאנד, ב"י תלמידות.

זד. וואלע.

---

אונדזער טייערע חברה גאלדע באגוכוואל (קראקע) צו איר פארלאבונג מיט ה' דוד האכבוים (קשאנאוו), און חוה רחל ווייגנאט (זד. וואלע), מיט ה' ווייגנארטן (קאנסק), ווינטשן מיר א הארציקן מזל-טוב, זאל אייער צוזאמענבונד גיבענטשט זיין מיט דער ברכה: „ודרכך תהא סוגה בשושנים.

שעראדז. שוו. באקאלארז.

---

## אבאנאמענטס = פרייז

א יאר 7 גילדן, א האלב יאר 4 גילדן

א פערטל יאר 2 גילדן.

## אנאנסן-פרייז:

א גאנצע זייט 200 ג. א האלבע זייט 100 ג.

א פערטל זייט 50 ג., א אכטל זייט 25 ג.

דער אבאנאמ. מוז גיצאלט ווערן פריערדיג
געלט-שיקן: P. K. O. 67 795
א גראטולאציע-אנאנס ביז 20 ווערטער 3 זל.
געלט פאר אנאנסן פריעראויס!

Red. i wyd. Luzer Gerszon Frydenzon. Nakl. centr. B. A. J. (Agudas Israel) w Polsce Druk. J. Djament Łódź, Kilińskiego 50

גי. עצט ביי ליבעסקינד לאדז, אלעי 1. מאי 8

ארכיון אסופות

הודפס מתוך הארכיון היהודי